# פרשת וארא

## בס״ד. התוועדות י״ב תמוז ה׳תשד״מ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

בשעת מ׳האט א מצב וואס דארף האבן א תקון, און דאס איז א מצב של סכנה — איז לכל לראש דארף מען זעהן מציל זיין פון דער סכנה!

וואס דא איז ניט נוגע אויף אזויפיל וויסן און חוקר זיין די סיבות וואס האבן געבראכט צו דעם מצב, סיידן אין דעם חלק פון זיי כדי מ׳זאל וויסן ווי אזוי דאס צו מתקן זיין.

דער מצב בפועל איז, כאמור, אז הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער, מיליאנען ניט-אידישע קינדער באקומען זייער גאנצע חינוך אין ״פאבליק סקול״,

ווי מ׳זעהט דער מצב בפועל במדינה זו אז עלטערן האבן קיין צייט ניט - אפילו די וואס האבן צייט האבן ניט קיין געדולט — אז זיי זאלן זיך אפגעבן מיטן חינוך פון זייערע קינדער!

בפרט נאך אז ער שיקט אים אוועק אין ״פאבליק סקול״, און מ׳גיט-אים מיט א גוטן ״סענדוויטש״, און נאך צוויי ״סענדוויטשעס״, און מ׳גיט-אים נאך מיט געלט ער זאל קענען נאכגעבן תאוות לבו נאכמערער וויפל ס׳דא אין דעם ״סענדוויטש״ — האט מען זיך איינגערעדט אז דעמאלט האט מען יוצא געווען דער חובת האב - אדער חובת האם - צו דעם זון - אדער צו דער טאכטער — ווארום ער זעהט אז זיי זאלן זיין אנגעטאן זייער שיין, און ווער רעדט — איז דאס א מיידעלע זאל זי קענען (..) בייטן איר קליידעל אדער יעדער טאג, אדער על כל פנים יעדער וואך, און דער עיקר זאל זיין א שענערע קליידעל ווי די חברת׳טעס האבן, און ניט קוקנדיק וואס דאס איז פארבונדן מיט געלט-הוצאות, איז מ׳איז זיך מוסר נפש און מ׳לייעט געלט כדי קענען צו קויפן נאך א קליידעלע (פאר די) פאר די מיידעלע, ועל דרך זה נאך א ״טאָי״ פאר דעם אינגעלע,

במילא האט ער זיך אינגאנצן יוצא געווען חובתו צו די קינדער, איז וואס דארף ער טראכטן וועגן נאך?

איי, וואס דער קינד וואקסט אויס מיט דעם ענין וואס די מדינה שפארט אין אים אריין, אז מ׳זאל וויסן זיין אז ״**כחי ועוצם ידי** עשה לי את החיל הזה״ — אז יעדערער איז א ״פאַיאָניר״, און יעדער קען מאכן פון דער פינסטערניש מאכן דערפון א עיר מושב, און מ׳ברענגט גלייך א ראי׳ פון דער מדינה און דברי ימי המדינה, במילא דארף ער אויכעט וויסן זיין אז ״אין למעלה הימנו״!

אזוי ווי ער איז א ״סמארט באי״ און זי איז א ״סמארט גערל״, במילא דארפן זיי אויסנוצן זייער ידיעות און זייערע חכמות וואס מ׳לערנט זיי אין ״פאבליק סקול״ כדי זיי זאלן קענען אויספירן אט דאס וואס ביי זיי קומט אויס ברצונו [ברצונם]!

און דאס איז א זאך — כמדובר כמה פעמים: ס׳קיין סתירה ניט צו קיין זאך, בשעת מ׳וועט אנהויבן יעדער טאג אין א ״פאבליק סקול״ אז מ׳וועט זאגן יעדער קינד און אלע קינדער, אז אנהויבן דעם טאג טאקע, אז מ׳גייט דערנאך לערנען חשבון און גיאגרפי׳ מיט אלע גוטע זאכן — און נויטיקע זאכן — וואס דורך דערויף קען מען (אויס) דורכגיין די וועלט און האבן פרנסה וכו׳ —



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וארא

אבער לכל לראש, גיט מען דיר א רגע אויף צו שווייגן. און בשעת אט דעם שווייגן זאלסטו טראכטן לויט דער אנווייזונגען פון די פאטער מיט דער מוטער אדער פון דער זיידע און פון דער באבע — וואס זיי וועלן דיר אנווייזען וועגן וואס דו זאלסט טראכטן,

און דאס וועט זיין א התחלה — אן אמת'ער אנהויב פון דעם טאג אז ס'וועט זיין א "פותחין בברכה" — אז דערנאך וועט ער זיין געבענטשט (אין) אויף אויסנוצן די ידיעות וואס ער לערנט דערנאך במשך היום, זאל ער זיי (אויס) אויסנוצן אין אן אופן טוב בשבילו, פאר זיך, וואס צוזאמען דערמיט איז דאס אויכעט טוב לעולם,

ואדרבה, מיט א סדר הפוך: פריער וועט ער טראכטן וואס איז גוט פאר ארום אים, "לעולם", און ערשט דערנאך צי דאס איז אויכעט גוט פאר אים, און מכריע זיין ביי אים דער "טוב לעולם", וואס דערנאך וועט דאס אויכעט אראפקומען בפועל בהנהגה מתאימה.

וכמדובר כמה פעמים: אז אין דערויף איז מען מדגיש, אז ס'דארף זיין דוקא א "רגע של שתיקה" — פון שווייגן; נאר די "רגע של שתיקה" דארף זיין ניט אלס א דבר טפל - אין מיטן טאג אדער צום סוף פון טאג ווען דער קינד איז שוין פארמאטערט און האט זיך שוין אנגעלערנט און אנגעהערט איך ווייס וואס פאר א זאכן — נאר דערמיט דארף ער אנהויבן זיין טאג!

די איינציקע זאך וואס דער "פרינציפאל" אדער דער "טיטשער" וכיוצא בזה קען זיי זאגן און דארף זיי זאגן — אז ער הויבט אן דעם טאג פון א רגע (של) פון שווייגען, דאס איז אבער ניט חס ושלום כדי ער זאל אוועקגיין א רגע לבטלה — מ'טאר ניט געוואוינען א קינד אז ער קען גיין לבטלה! א קינד דארף וויסן אז ער דארף אויסנוצן זיינע צייט און זיינע כוחות.

דארף מען אים זאגן אז דער שווייגען זיינע איז דאס אויכעט א טייל פון זיין חינוך, (אבער דעמאלט) במילא דארף ער דאס אויסנוצן דורך א מחשבה טובה, אין וואס באשטייט די מחשבה טובה? דארף ער דאס פרעגן ביי זיין פאטער און ביי זיין מוטער.

נוסף אויף די תועלת האמורה לעיל, מ'דארף אויפוועקן פאטערס און מוטערס אין דער מדינה, אז זיי זאלן וויסן וועגן זייער שליחות הכי עיקרית, וואס דאס איז די הויפט-שליחות זייערע, אז זיי זאלן אויפשטעלן דור ישרים יבורך!

וואס דאס קען מען ניט דורכפירן בשלימות דורך א צוויטן, דאס דארף מען אליין — ניט נאר צולייגן א האנט דערצו, נאר צולייגן דערצו דער הארץ און די קאפ און דער טירחא און דעם זמן און דער קינד זאל זעהן אז ער מיינט דאס מיטן גאנצען הארצן און מיטן גאנצען שימת לב און מיטן גאנצען חיות, און אז דאס איז נוגע דעם פאטער מיט דער מוטער בחיי נפשם ממש!

וואס דעמאלט וועלן די קינדער — "השיב לב אבות על בנים" — "על ידי בנים", וועלן די קינדער דורך זייערע שאלות **יעדער טאג** דער פאטער מיט דער מוטער: הער זיך איין, איך דארף גיין איצטער אין "פאבליק סקול" וואס דו **שיקט מיר אהינצו**, און דער "טיטשער" וועט מיר זאגן איך זאל טראכטן — דארפסטו מיר זאגן וועגן וואס איך זאל טראכטן!



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.